א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

תשע"ט | פרשת ויצא | 253

## מאוצרות אמונים
פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### יעקב האט געוואלט פארן ספעציעל צום דאווענען

"וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" (כח יא)

"כי מטא [=ווען ער איז אנגעקומען] לחרן אמר: אפשר עברתי על מקום שהתפללו אבותי, ואני לא התפללתי? כד יהיב דעתיה למיהדר [=ווען ער האט געוואלט צוריק גיין] - קפצה ליה ארעא [=האט ער געהאט קפיצת הדרך], מיד - 'ויפגע במקום'" (חולין צא ב).

דארף מען פארשטיין: פארוואס האט יעקב אבינו נישט אינזין געהאט צו דאווענען באלד ווען ער איז אריבער געגאנגען דאס ערשטע מאל אויף דעם פלאץ, נאר ער האט געווארט ביז ער איז אנגעקומען פון חרן?

זאגט דער 'חידושי הרי"מ':

יעקב האט נישט געוואלט דאווענען ווי בדרך אגב - אינמיטן וועג גייענדיג קיין חרן, וועגן דעם נאר נאך וואס ער איז אנגעקומען קיין חרן, דעמאלטס האט ער מייחד געווען א ספעציעלע רייזע צו דעם פלאץ וואו דארט האבן געדאווענט זיינע אבות כדי ער זאל דארט דאווענען.

'ליקוטי הרי"מ'

### יעקב האט געבעהטן ער זאל הנאה האבן פון די ברויט און די קליידער

"וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ" (כח כ)

פארוואס האט יעקב געדארפט ארויס זאגן: "לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ", איז דען פארהאן א אנדערע זאך אויף וואס ער דארף די ברויט אדער די קלייד?

ערקלערט **רבי מרדכי הכהן פון צפת**: עס זענען דא אסאך מענטשן וואס האבן אסאך ברויט, אבער זיי קענען נישט הנאה האבן פון דעם, צוליב א קראנקהייט אדער א קערפערליכע פראבלעם וואס האלט זיי צורי. וועגן דעם האט יעקב קלאר ארויסגעזאגט און האט געבעהטן: "לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ" - אז אויסער דעם וואס דער אויבערשטער וועט אים העלפן און געבן שפייז און קליידער, וועט ער אים אויך געבן געזונט און כח ער זאל קענען עסן, און אויך ארויסגיין פון הויז און גיין צווישן מענטשן ווען ער איז אנגעטוהן מיט קליידער, און זיי וועלן נישט ליגן סתם אין שאפע אום באניצט.

אויף א אנדערן וועג ערקלערט **רבי מאיר יחיאל שפירא פון בלענדאוו**:

ווען עס הערשט א הונגער אויף דער וועלט, אויך די וואס האבן יא אלע זייערע באדערפענישן, פילן זיך נישט רואיג ווען זיי עסן ווי געהעריג און זיי קליידן זיך מיט מלבושי כבוד, ציטערנדיג פון די בליקן פון די וואס קוקן אויף זיי מיט קנאה. וועגן דעם האט יעקב געבעהטן: געב פאר אלע באשעפענישן ברויט און שפייז וויפיל עס פעלט זיי אויס, כדי איך זאל קענען געניסן פון וואס דו האסט מיר געשאנקען.

'שפתי כהן'; 'אמת ליעקב'

### ארויס גיין פון אר"י איז אזוי ווי ארויס גיין פון א שוהל

"וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו וַיֵּלֶךְ אַרְצָה בְנֵי קֶדֶם" (כט א)

"'וישא יעקב רגליו' - משנתבשר בשורה טובה... נשא לבו את רגליו ונעשה קל ללכת" (רש"י).

ווען יעקב גייט ארויס פון ארץ ישראל קיין חרן (לעיל כח י) שטייט נאר: "וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה", פארוואס יעצט, נאכן נעכטיגן אין בית א-ל האט ער פלוצלינג אנגעהויבן גיין בזריזות, אזוי ווי עס שטייט: "וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו וַיֵּלֶךְ"?

זאגט דער '**חתם סופר**':

אין מסכת ברכות (ו ב) זאגן די חכמים אז דער וואס גייט ארויס פון שוהל, זאל נישט גיין גרויסע טריט, כדי עס זאל נישט אויסזעהן אז עס איז אים שווער געווען זיך אויפהאלטן אין שוהל (ראה רש"י שם), אבער דער 'מגן אברהם' (או"ח צ כו) פסק'נט אז אויב ער גייט ארויס פון שוהל מיט א כונה צוריק קומען, איז פונקט פארקערט, עס איז א מצוה ער זאל לויפן כדי ער שנעלער צוריק קומען אין שוהל.

לויט דעם קען מען זאגן, אז ווען יעקב איז ארויס פון ארץ ישראל אויפן וועג קיין חרן אן ער זאל וויסן צי ער וועט צוריק קומען, האט ער געהאט א דין ווי איינער וואס גייט ארויס פון א שוהל, און וועגן דעם איז ער געגאנגען שטאט, אבער פון ווען ער האט געהערט די בשורה אין בית א-ל (לעיל כח טו): "וַהֲשִׁבֹתִיךָ אֶל הָאֲדָמָה הַזֹּאת", איז ער געווארן ווי איינער וואס גייט ארויס מיט א כוונה צוריק קומען, און צוליב דעם האט ער געדארפט לויפן כדי ער זאל קענען שנעלער צוריק קומען.

'חתם סופר'

### מיט וואס איז אנדערשט געווען די לויב פון לאה?

"הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה' עַל כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה" (כט לה)

ס'איז באקאנט די גמרא (ברכות ז ב): "פון ווען דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט האט קיינער נישט געלויבט דעם אויבערשטן, ביז ווען לאה האט געלויבט, און האט געזאגט: 'הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה''", און אסאך פרעגן: האבן דען די אבות הק' נישט געלויבט, מיר טרעפן דאך אסאך פסוקים ווי דארט שטייט קלאר אז זיי האבן געלויבט און אויך מקריב געווען קרבנות אויף די גוט'ס וואס השי"ת האט מיט זיי געטוהן?

עטליכע ערקלערונגען זענען געזאגט געווארן אויף דעם:

**א. רבי צבי הירש העליר בעל 'טיב גיטין'** האט ערקלערט:

די טייטש פון די לשון 'הודאה' איז אויך - מודה זיין אין די גערעכטיגקייט פונעם צווייטן, נאך וואס פריער האט ער זיך געקריגט מיט אים. אזוי אויך ביי לאה, כאטש אין אנהויב האט איר זיכער וויי געטוהן דאס וואס זי איז געווען א 'שנואה', אבער ווען זי האט געזעהן אז פון דעם איז פאר איר ארויס געקומען א טובה, ווען זי האט זוכה געווען אויפשטעלן מער שבטים פון וואס ס'איז געווען פאר איר באשטימט (ראה פסיקתא זוטרתא כט לא), האט זי פארשטאנען אז די שלעכט'ס איז געווען פאר איר א 'טובה' און אויף דעם האט זי געלויבט השי"ת. און לויט דעם פארשטייט מען, אפילו מיר טרעפן אז די אבות האבן געלויבט השי"ת, אבער מיטן לויבן אויף די 'רעה' איז לאה געווען די ערשטע.

**ב.** דער '**כתב סופר**' טייטש:

כאטש אונזערע אבות האבן זיכער געלויבט השי"ת און מקריב געווען פאר אים קרבנות, אבער זיי האבן עס געטוהן נאר נאך וואס עס איז געשעהן מיט זיי ניסים שלא כדרך הטבע. אבער לאה איז געווען די ערשטע וואס האט געלויבט אויף דעם וואס השי"ת האט איר געהאלפן בדרך הטבע - געבוירן די קינדער.

**ג.** אין '**פרדס יוסף**' שטייט א תירוץ:

אין מסכת פסחים זאגן חז"ל (פסחים קיז א): "בעשרה מאמרות של שבח נאמר ספר תהלים..., גדול מכולן 'הללוי-ה' שכולל שם ושבח בבת אחת". אויך לאה איז געווען מער פון די פריערדיגע מיט דעם וואס זי האט ארויסגעברענגט א 'שם ושבח' אויפאיינמאל, ווען זי האט א נאמען געגעבן 'יהודה' וואס האט אין זיך די אותיות פון שם הוי"ה, און די גאנצע ווארט באדייט לויב.

'חידושי גאונים' דף ג'; 'כתב סופר'; 'פרדס יוסף'

## רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

### יעקב האט מגלה געווען פאר יוסף דעם סוד פון אמן

"עַתָּה קוּם צֵא מִן הָאָרֶץ הַזֹּאת" (לא יג)

אזוי שרייבט דער '**מגלה עמוקות**' (פר' וישב):

"יוסף איז דער שומר ביי די טויער, און די טויערן עפענען זיך אויף אין זכות פון ענטפערן אמן, אזוי ווי חז"ל (שבת קיט ב) לערנען ארויס פון דער פסוק (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים'".

יעקב איז אלט געווען 91 יאר אזוי ווי דער צאל פון אמ"ן ווען דער אויבישטער האט אים געזאגט: "קום צא מן הארץ הזאת", און דעמאלטס האט רחל געבוירן דעם יוסף, און יעקב האט אים אנטפלעקט דעם סוד פון אמ"ן..."




"חז"ל זאגן (שבת קיט ב): 'כל העונה אמן בכל כוחו פותחין לו שערי גן עדן', און פון דער שכר וועלן מיר וויסן וויפל נחת רוח טוהט עס פאר אונזער באשעפער. וואויל איז פאר א ילוד אשה וואס איז זוכה צו טוהן א נחת רוח פאר זיין באשעפער, עס איז נישט פארהאן קיין גרעסערער שכר פון דעם, און עס איז פאסיג אז יעדער איד זאל זיך מוסר נפש זיין צו טוהן א נחת רוח פאר זיין באשעפער".

'חסד לאלפים' [פונעם בעל 'פלא יועץ'] נו א

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## ברכת המזון (אריינפיר - ב)

### די ברכה איז ווי א באצאהלט אויפן עסן

די ברכה וואס איז נאכן עסן איז אזוי ווי א 'באצאהלט' אויפן עסן; אזוי ווי עס וועט פאר קיינעם נישט איינפאלן אז דער וואס גייט אריין אין א רעסטאראנט און עסט פון אלע גוטע עסנווארגן וואס מ'דערלאנגט דארט, וועט ארויסגיין פון דארט אן צו באצאלן, אזוי קען אויך נישט זיין אז א מענטש זאל הנאה האבן פון דער וועלט אן צו זאגן א ברכה פארן באשעפער.

עס איז באקאנט די גמרא (ברכות לה א-ב) איבער זאגן א ברכה פארן עסן, רבי לוי האט געפרעגט א סתירה צווישן די פסוקים: אין איין פסוק שטייט: "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ" (תהלים כד א), און איין פסוק שטייט: "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם" (שם קטו טז); וויאזוי קען עס זיין? און ער פארענטפערט: "דא רעדט מען בעפאר די ברכה און דא רעדט מען נאך די ברכה" - ד.מ. דער ערשטער פסוק רעדט פון פארן זאגן די ברכה, דעמאלטס 'לה' הארץ ומלואה' אזוי ווי 'הקדש' און דער מענטש טאר נאכנישט הנאה האבן פון דעם, און דער צווייטער פסוק רעדט פון נאכן זאגן די ברכה - נאך וואס דער מענטש האט 'באצאהלט' פארן אויבירשטן מיט זיין ברכה, וואס דעמאלטס האט ער באקומען רשות הנאה האבן פון דער וועלט.

לויט דעם לייגט צו רבי חנינא בר פפא און זאגט: "יעדער וואס האט הנאה פון דער וועלט אן קיין ברכה איז עס גערעכנט ווי ער גזל'ט פון הקדוש ברוך הוא און פון כנסת ישראל", ווייל ער האט געגעסן אן צו באצאלן, און דער וואס עסט אן באצאהלן ווערט אנגערופן א גזלן.

פון דעם אלעס קענען מיר לערנען ווי גרויס איז דער חיוב צו בענטשן ברכת המזון ווי עס דארף צו זיין, ווייל אויב מיר ווילן הנאה האבן פון דאס עסן און נישט זיין חלילה ווי גזלנים, דארפן מיר פארשטיין וואס מיר זאגן ארויס פון אונזער מויל, ווייל נאר אזוי וועלן מיר קענען וויסן אויב מיר האבן טאקע ריכטיג געלויבט השי"ת און אים 'באצאהלט' אויפן עסן וואס מיר האבן געגעסן.

### די סגולה פון ברכת המזון בכוונה

אויסער דעם חיוב פון בענטשן מיט כוונה ווי אויבן דערמאנט, איז אויך פארהאן אין דעם א אפענע און קלארע סגולה אויף פרנסה און אויף הצלחה אין אלעס, אזוי ווי דער בעל 'ספר החינוך' שרייבט (מצוה תל): "אזוי האב איך מקובל פון מיינע רבי'ס, אז יעדער וואס גיט אכטונג צו בענטשן ווי עס דארף צו זיין, וועט ער א גאנץ לעבן האבן פרנסה בכבוד און וועט נישט דארפן צוקומען צו מענטשן".

אין 'משנה ברורה' (קפה א) ווערט אראפ געברענגט די הבטחה פונעם בעל ספר החינוך, און האט צוגעלייגט: "און דער וואס איז מדקדק זאל לכתחילה אכטונג געבן בענטשן אינעווייניג און נישט בעל פה". צו מחזק זיין דעם ענין ברענגט דער 'חפץ חיים' אין נאמען פון 'ספר חסידים' א מורא'דיגע מעשה: "איינער איז געשטארבן, און האט זיך באוויזן אין חלום פאר איינעם פון זיינע נאנטע און האט אים געזאגט: זאלסט וויסן אז יעדן טאג טוהט מען מיך משפט'ן אויף דעם וואס איך האב נישט אכטונג געגעבן זאגן אלע ברכות מיט כוונה".

דא איז דער פלאץ אראפ ברענגען די ווערטער פונעם בעל הרוקח (הל' סעודה שלז) וואס מערקט אן אז אלע אותיות קען מען טרעפן אין ברכת המזון, אויסער דער אות ף', און פון דעם לערנט מען אז די 'אף וחימה' קענען נישט געוועלטיגן אין אזא פלאץ וואו מ'בענטשט מיט כוונה.

און אזוי שרייבט דער חיד"א: בענטשן ברכת המזון אויפן קול און מיט שמחה איז א סגולה אויף פרנסה, אזוי ווי עס שטייט (משלי י כב): "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר", ד.מ. אז ברכת המזון וואס איז די ברכה פון ה' - וואס מיר זענען באפוילן געווארן אויף דעם פון השי"ת, ווייל איר חיוב איז דאך מן התורה, דאס וועט רייך מאכן דעם מענטש וואס גיט אכטונג עס זאגן ווי עס דארף צו זיין! (הגהות 'ניצוצי אורות' על הזוה"ק ויקהל ריח א).

אין זיין צוואה פאר זיינע קינדער (וואס איז געדרוקט אנהויב זיין ספר) דערציילט אויף זיך דער בעל 'יסוד ושורש העבודה', אז יעדן טאג פארן בענטשן האט ער געדאוונט א עקסטערע תפילה צו השי"ת, ער זאל אים אפהיטן אז קיינער זאל נישט אריינקומען אין זיין הויז אינמיטן בענטשן, טאמער זיין כוונה וועט געשטערט ווערן. אזוי אויך נאכן בענטשן האט ער געלויבט השי"ת אויף דעם וואס ער האט אים מזכה געווען צו בענטשן ווי עס דארף צו זיין.

### אזוי איז דאס בענטשן באוויליגט פאר השי"ת

מיר וועלן ענדיגן מיט א מעשה וואס רבי ישראל נאג'ארה ברענגט אין זיין ספר 'כלי מחזיק ברכה' (פרק ב) אויף איינעם פון די ערליכע מענטשן אין זיין דור, רבי מרדכי מסנות, וואס האט זוכה געווען צו תורה וגדולה במקום אחד:

איינמאל זענען אנגעקומען צו זיין הויז דריי גרויסע חכמים אים בעהטן געלט אויף א געוויסע דבר מצוה, און צווישן זיי איז געווען מיין פאטער. ווען זיי זענען אריין האבן זיי אים געטראפן זיצן נעבן זיין טיש, זיין פנים אויף ארויף און זיינע הענט איז אויסגעשפרייט צום הימל, או ער בענטשט ברכת המזון מיט א געוואלדיגע כוונה.

זייענדיג פארטיפט אין די ווערטער האט רבי מרדכי נישט באמערקט די חכמים וואס זענען אריינגעקומען אין זיין הויז, און נאר נאכן ענדיגן דאס גאנצע בענטשן האט ער באמערקט די חכמים וואס זענען דארט געווען, און דעמאלטס האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע פוס און האט זיי געזאגט: 'בואכם לשלום! זייט מיר מוחל אויף דעם וואס איך האב נישט באמערקט אז ענק זענען אריין, ווייל איך האב געהאלטן אינמיטן רעדן מיטן מיין באשעפער'. אזוי ווייט איז געווען זיין דביקות און זיין כוונה ביים בענטשן.

און רבי ישראל נאג'ארה ענדיגט מיט התפעלות: אזא ברכה איז זייער באוויליגט פארן באשעפער און דאס גלוסט ער, און עס איז נישט קיין וואונדער אז דער וואס בענטשט אויף אזא וועג ווערט אליין געבענטשט מיט עושר וכבוד.

מיר אלע וועלן זיך משתדל זיין לערנען, פארטיפן און פארשטיין די באדייט און די טייטש פון די הייליגע ברכה, אזוי וועלן מיר קענען וויסן אז מיר האבן טאקע געבענטשט ווי עס דארף צו זיין און מיר האבן געלויבט השי"ת אויף זיינע חסדים מיט אונז.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די שכינה האט זיך באוויזן ביים כותל המערבי

א ערליכער איד, א צדיק און א חסיד האט געוואוינט אין די שטאט צפת און זיין נאמען איז געווען רבי אברהם הלוי ברוכים זצ"ל. דער רבי אברהם איז געווען א געוואלדיגער ירא שמים וואס פון זיין יוגנט האט ער געדינט דעם באשעפער מיט אלע זיינע כוחות, ער איז געווען זייער גרויס אין חכמת הקבלה, און ספעציעל איז ער געווען באקאנט אלס איינער וואס קלאגט זייער אויף די צער השכינה וואס איז אין גלות.

אין לויף פון אסאך יארן פלעגט ער זיך אויפוועקן יעדע נאכט אביסל פאר חצות, ער האט זיך געשטארקט ווי א לייב און איז אראפ פון זיין בעט, און נאכדעם איז ער ארויס אין די גאסן פון שטאט, ער האט געקלאפט אויף די פענסטער פון די הייזער און האט ערוועקט די איינוואוינער זאלן אויפשטיין זאגן 'תיקון חצות' און בעהטן אויף לאוקמא שכינתא מעפרא.

רבי אברהם וואס זיין גשמיות'דיגע לעבן איז געווען זייער ענג און שמאל, האט זיך נישט אפגעהאלטן פון יעדע סארט פלאג און הארוואניע אין זיין עבודה מקרב זיין די גאולה. ווען ער האט נאר געהאט די מעגליכקייט האט ער געהאלטן דרשות און מעורר געווען דעם ציבור איבער דער חוב צו עוסק זיין אין די זאכן וואס זענען מקרב די גאולה און אויך קלאגן און וויינען אויף דער בית המקדש וואס איז חרוב געווען צוליב אונזערע זינד, און אויף די שכינה הקדושה וואס איז געגאנגען אין גלות. און ווען ער האט גערעדט פון דעם זענען זיינע אויגן נאס געווארן פון טרערן און א שטארקער ווייטאג האט זיך דערקענט אויף זיין פנים.

אזוי שטארק איז ער געווען באשעפטיגט אין די ענינים, אז דער אר"י הקדוש האט אויף אים עדות געזאגט אז זיין נשמה איז א גלגול פון די נשמה פון ירמיהו הנביא.

אין א געוויסע טאג איז רבי אברהם קראנק געווארן. זיינע חברים און באקאנטע וואס זענען געוואוינט אויפשטיין אין זיין זכות זאגן תיקון חצות האבן זיך געוואונדערט ווען פלוצלינג האט ער אויפגעהערט זיי צו וועקן.

איינער פון זיינע פריינד וואס האט באשלאסן גיין צו זיין הויז זיך נאכפרעגן וואס ער טוהט, איז איבערראשט געווארן אים צו טרעפן ליגן אין זיין בעט ווען זיין אטעם איז נישט גוט און לייד שטארקע ווייטאגן. זייער שנעל האט ער געברענגט דעם דאקטער פון יענע געגנט, נאכן אים גוט אונטער זוכן האט ער געזאגט מיט א ערנסטע שטימע: "איך טרעף נישט די אורזאך פון זיין קראנקהייט, אבער עס זעהט אויס אז זיין צושטאנד פארערגערט זיך פון מינוט צו מינוט, און אויב ער וועט נישט באהאנדלט ווערן ווי עס דארף צו זיין וועט ער ביז א קורצע צייט אויסהויכן זיין נשמה".

נאך דאקטורים און פראפעסארן זענען גערופן געווארן צו די בעט פון רבי אברהם, אבער זיי האבן אויך נישט געטראפן די רפואה פאר זיין קראנקהייט. רבי אברהם איז מער אפגעשוואכט געווארן און זיין אטעמען האט זיך מער פארערגערט. די דאקטורים האבן נישט געהאט וואס צו דערציילן, און זיין הויז געזונד און זיינע נאנטע האבן זיך געגרייט צום ערגסטן. עס האט אויסגעזעהן אז אויך רבי אברהם אליין האט זיך אנגעהויבן גרייטן אויף דעם טאג וואס ער וועט צוריק געבן זיין נשמה צו איר באשעפער.

די שמועה איבער די קראנקהייט פון רבי אברהם האט אויך דערגרייכט צו די אויערן פון דער אר"י הקדוש וואס האט זיך געאיילט אים באזוכן. זייער שווער איז אנגעקומען פאר רבי אברהם זיך אויפזעצן אויף זיין בעט אויפנעמען זיין גרויסן גאסט, דער אר"י האט זיך אראפגעזעצט און האט אנגעהויבן רעדן:

"זאלסט וויסן רבי אברהם, אז דיינע טעג האבן זיך שוין געענדיגט, און עס איז דיר נישט איבערגעבליבן נאך אסאך צייט צום לעבן. אבער, ווייל דו האסט זוכה געווען צו זיין פון די וואס ערוועקן און זענען זיך מצטער אויף גלות השכינה, האסטו נאר איין האפענונג זאלסט אויסגעהיילט ווערן און צוריק קומען צו די כוחות:

אויב דו וועסט זיך שטארקן און ארויף גיין קיין ירושלים צום כותל המערבי און דארטן דאווענען פון טיפן הארץ, וועסטו זוכה זיין צו זעהן די שכינה, און דיין ישועה איז פארזיכערט און דו וועסט זוכה זיין צו לעבן נאך אסאך יארן".

די ווערטער פונעם אר"י זענען געווען פאר רבי אברהם ווי 'מים קרים על נפש עייפה', און כאטש אין יענע צייט איז ער געלעגן אויף זיין בעט אינגאנצן אן קיין כח, האט ער ביי זיך אין הארץ באשלאסן אויספירן די עצה פון דער אר"י, עס גייט אים נישט אן די פרייז וואס ער וועט באצאהלן אויף דעם.

אין יענע יארן - פאר הונדערטער יארן - איז עס נישט געווען אזא לייכטע זאך. דער וועג פון צפת קיין ירושלים האט געדויערט אסאך צייט, און עס איז געווען פול מיט שטרויכלונגען און אסאך שוועריקייטן. כדי עס אריבער גיין בשלום כאטש זיין שווערן צושטאנד, האט רבי אברהם געדארפט באצאלן א ערנסטע סומע וואס איז געווען מער פון זיינע מעגליכקייטן. עס האט אויסגעזעהן אז די רייזע וועט נישט צושטאנד קומען, אבער רבי אברהם האט נישט אויפגעגעבן.

עטליכע טעג נאכן באזוך פונעם אר"י איז פלוצלינג אביסל פארגרינגערט געווארן זיין צושטאנד. זיין קערפער האט זיך אביסל געשטארקט און זיין אטעמען האט זיך אביסל פארגרינגערט, און האט שנעל אויסגענוצט די געלעגנהייט פארן קיין ירושלים.

צו קענען באצאלן די רייזע האט רבי אברהם געמוזט פארקויפן רוב פון די מעבל פון זיין הויז. און בעפאר ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן לאנגן וועג האט ער זיך איינגעשפארט אין זיין הויז אויף דריי טעג וואס אין זיי האט ער מרבה געווען בתפילה ותחנונים אז די רייזע זאל מצליח זיין, און נאכדעם האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

ווי געזאגט, א לאנגע און א שווערע וועג האט רבי אברהם געדארפט אדורכגיין ביז ער וועט אנקומען קיין ירושלים. עטליכע מאל אינמיטן וועג האט אים אויסגעזעהן אז ער קען נישט מער פארזעצן, אבער מיטן כח פון זיין שטארקע אמונה האט ער זיך געשטארקט מיט זיינע איבערגעבליבענע כוחות און האט פארגעזעצט די רייזע, ביז ער האט זוכה געווען אז זיינע פיס זענען געשטאנען אין די אריינגאנג פון די הייליגע שטאט.

ווען ער איז אנגעקומען צו די הייליגע שטאט, כאטש זיין שווערן צושטאנד, האט ער נישט געזוכט א אכסניא ווי דארט וועט ער זיך קענען אפרועהן פון די שווערע וועג, נאר ער האט זיך באלד געווענדן צו די כותל המערבי, ער זאל דארט אויספירן זיין גרויסע שליחות.

עס איז שוין געווען א שפעטע נאכט שטונדע ווען רבי אברהם איז ענדליך אנגעקומען צו די כותל המערבי. קיין לעבעדיגע זעהל האט זיך דארט נישט באוויזן, און רבי אברהם האט זיך ערלויבט ארויסגעבן זיין צער און ווייטאג. ער האט אויסגעבראכן אין ביטערליכן געוויין און האט זיך געשטעלט דאווענען צום אויבערשטן. אין לויף פון לאנגע מינוטן האט ער מיט גרויס געוויין און געשרייען אראפגעלייגט זיין גרויסן ווייטאג ביז זיינע כוחות האבן זיך אויסגעלאזט און איז געפאלן מאכטלאז.

זיין באוואוסטזיין האט זיך פארנעפלט, און פלוצלינג, אין די נעפל און די טונקלקייט האט ער באמערקט א הויכן געשטאלט אנגעטוהן מיט שווארץ קומט ארויס פון צווישן די שטיינער פון דער כותל המערבי.

רבי אברהם האט באלד פארשטאנען אז דער מינוט האט געמיינט זיין רבי דער אר"י, און אקעגן זיינע אויגן שטייט יעצט די שכינה הקדושה וואס איז צובראכן אויף איר הייליגע וואוינונג וואס איז חרוב געווארן און אירע קינדער זענען פון איר אוועק גענומען געווארן און געגאנגען אין געפענגעניש, ער האט צוריסן זיינע קליידער און איז אראפגעפאלן אויף דער ערד ווען זיין גאנצע קערפער טרייסלט פון צער און געוויין, און זיין מויל שרייט אן קיין שטימע: "ווי איז מיר, און ווי איז פאר מיין זעהל אז אזוי האב איך געזעהן די שכינה".

פון גרויס צער און ווייטאג האט רבי אברהם גע'חלש'ט, און אזוי ווי פון אינמיטן חלום האט ער געפיהלט ווי דער געשטאלט דערנענטערט זיך צו אים, לייגט אראפ אירע הענט אויף זיין קאפ און זאגט אים: "טרייסט זיך מיין קינד אברהם. טרייסט דיך ווייל איך וועל אין גיכן רחמנות האבן אויף מיינע קינדער און זיי אויסלייזן פון דער גלות".

דער געשטאלט איז צוביסלעך פארהוילן געווארן, און רבי אברהם האט געפיהלט די פרישע כוחות וואס קומען אריין אין אים. צוביסלעך האט ער זיך דערמינטערט און איז צוריק געקומען צו זיין באוואוסטזיין, ווען זיין מויל הערט נישט אויף צו מורמלען די ווערטער וואס ער האט געהערט; "עוד יש תקוה... ושבו בנים לגבולם".

רבי אברהם האט זיך אויפגעהאלטן נאך עטליכע טעג אין ירושלים עיר הקודש, וואס אין זיי איז ער צוריק געקומען צו זיינע כוחות ביז ער האט געקענט צוריק גיין צו זיין שטאט.

נאך א לאנגע און שווערע רייזע איז רבי אברהם ווידער געשטאנען אין די הייליגע שטאט צפת. די בלאסע קאליר וואס איז געווען אויף זיין פנים ווען ער איז ארויס פון דארט האט זיך יעצט געטוישט אויף א רויט'ליכן קאליר, און זיין קערפער האט אויסגעזעהן פריש און געזונט.

ווען רבי אברהם איז אריין באגריסן זיין רבי, האט די פנים פון דער אר"י הקדוש געשיינט און האט אים געזאגט: "וואויל איז דיר, וואויל איז דיר מיין קינד וואס דו האסט זוכה געווען זעהן א זעלטענע מינוט פון א גילוי פנים אין דעם גרויסן און טיפן באהעלטעניש וואס מיר געפינען זיך אין דעם אין לויף פון דעם לאנגען און שווערן גלות. זאלסט וויסן אז דו האסט זוכה געווען צו דעם אין זכות וואס דו האסט מקדיש געווען דיין גאנצע לעבן ערוועקן דיינע חברים און באקאנטע צו קלאגן אויפן גלות און זיך מצטער זיין אין די צער השכינה.

ווייל דו האסט זוכה געווען צו דעם, בין איך פארזיכערט אז דו וועסט נאך מאריך זיין ימים זיין מיט געזונט און קענען פארזעצן דיינע הייליגע פעולות מקרב זיין די גאולה.

און טאקע אזוי, אזוי ווי זיין רבי האט אים געוואונטשן, האט רבי אברהם זוכה געווען זיך צו שטארקן פון זיין קראנקהייט און האט געלעבט נאך צוויי און צוואנציג יאר וואס אין זיי האט ער ווייטער געדינט דעם באשעפער מיט זיין גאנצן כח, און מיט זיין ספעציעלע וועג האט ער ערוועקט די הערצער פון די אידן זיי זאלן נתקרב ווערן צו זייער פאטער אין הימל און א גאנצע צייט האפן צו די גאולה.

'שם הגדולים' [לחיד"א] ערך רבי אברהם ברוכים; 'קב הישר' פרק צד

עיצובים shay